

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בראשית
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"ב

## פראגע

**די הלכה איז אז אויב מען האט אינזין די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה, אפילו מען שלאפט דורך די איבריגע חלק פונעם דאווענען איז מען יוצא. אבער אויב האט מען אינזין געהאט דעם גאנצן שמונה עשרה אבער נישט דעם ערשטן ברכה האט מען נישט יוצא געווען. וואס איז אזוי ספעציעל מיט די ערשטע ברכה?**

## ענטפער:

**די** ערשטע ברכה איז אן אנערקענונג אויף אונזערע גרויסע מאדעלן, אברהם, יצחק און יעקב.

מיר דארפן אנערקענען אז אונזערע לעבנס זענען באזירט – און דארפן זיין באזירט – אויף וואס אט די גרויסע מענטשן האבן אונז געגעבן אלס דוגמאות, נאכצופאלגן.

דער **רמב"ם** זאגט אז יעדע גוטע זאך וואס איז נאר אמאל געשען צו אונז אדער וואס וועט נאך פאסירן צו אונז, איז **בלויז אינעם זכות פון אונזערע אבות הקדושים**.

יעצט, מיר דארפן מכיר זיין אין די גרויסקייט פון אונזערע אור-עלטערן. מיר דארפן זיי שטודירן. מיר דארפן אפלערנען זייערע לעבנס און פרובירן זיי נאכצומאכן. מיר דארפן זיין דאנקבאר פאר זיי אויף וואס זיי האבן געטון פאר אונז; פאר'ן זיך אליינס מאכן אלס דוגמאות וויאזוי מען דארף זיין איבערגעגעבן מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט צו הקדוש ברוך הוא.

דערפאר איז די ערשטע ברכה אין שמונה עשרה, **"אלקינו ואלקי אבותינו"**. דו, באשעפער, ביזט דער וואס האט אזוי שטארק ליב געהאט אונזערע אבות הק'. דער אויבערשטער האט געזאגט - איך האב ליב ענקערע אבות מער ווי סיי-וועלכע זאך אין די בריאה. די תורה הק' זאגט (דברים י יד-טו): **"הן לה' אלקיך השמים ושמי השמים וכל אשר בה"** – צום באשעפער געהערט די הימלען און די ספערן העכער די הימלען. אלעס באלאנגט צו מיר. אבער **"רק באבותיך חשק ה' לאהבה אותם"** – נאר אין ענקערע עלטערן האט השי"ת געגליסט זיי ליב צו האבן.

דאס איז אן אויסטערלישע דערקלערונג! קאלאסאל! דער באשעפער האט ליב אונזערע אבות מער פון אלעם. **"ויבחר בזרעם אחריהם בכם מכל העמים כיום הזה"** – און ער האט אונז אויסגעוועלט אויף אייביג צוליב זיי. ביזן היינטיגן טאג זענען מיר זיין אויסגעוועלטע פאלק, אלעס צוליב די גרויסקייט פון אברהם, יצחק און יעקב.

וועגן דעם, ווען מיר שטעלן זיך רעדן צו השי"ת, דערמאנען מיר צום ערשטן דעם זכות פון אונזערע געוואלדיגע אור-עלטערן, וועם מיר זוכן נאכצופאלגן, און וועם מיר זוכן נאכצומאכן. "איך בעט דיר באשעפער, צוליב זייער זכות האסטו אונז ליב, ביטע הער אויס אונזערע תפילות וואס מיר גייען ווייטער בעטן אין אלע ברכות פון שמונה עשרה." (#-E 255)

## פראגע

**אויב די גאנצע וועלט איז בלויז דער דמיון פונעם אויבערשטן – ווי איך האט ערקלערט - וויאזוי איז עס אנדערש פון א מענטש וואס לעבט אין פאנטאזיעס?**

## ענטפער:

**דער** "דמיון" וואס דער באשעפער האט באשאפן, גערופן – די וועלט, איז די מערסטע ערנסט און עכט פון סיי-וועלכע רעאליטעט; מאכט נישט קיין טעות. ווען הקב"ה האט געמאכט דורך זיין ווילן אז די וועלט זאל אנהייבן צו עקזיסטירן, איז עס זיין רצון, און **זיין רצון** איז די איינציגסטע

רעאליטעט וואס מיר האבן. און אויב עמיצער אנדערש וואס אלס רעזולטאט פון טרונקען צופיל אלקאהאל דמיונ'ט ער אויס אנדערע רעאליטעטן, איז עס גארנישט חוץ א פאלשע בילד אין זיין קאפ.

די איינציגסטע מציאות איז דער דמיון פון כביכול דער איבערשטער. דעריבער מיינט עס נישט אז וויבאלד די וועלט איז זיין דמיון, במילא זענען אונזערע דמיונות אויך עפעס... אויסדרוקליך נישט! דער באשעפער האט געמאכט אז אונזער וועלט זאל עקזיסטירן דורך זיין מחשבה כביכול, און עס איז היפש עכט. אויב איר ווילט קענט איר זיך יעצט ציפן און זען אז עס טוט וויי, וועט איר זען אז איר זענט גאנץ עכט. זיין דמיון איז פעלזן-פעסט, עס ווערט מאטריאל; אבער עס איז נאך אלץ בלויז זיין דמיון.

אבער אונזערע דמיונות זענען גארנישט.

## פראגע

## חיות און בהמות האבן הערנער און קלאען זיך צו באשיצן פון אטאקירער. פארוואס האבן עס נישט מענטשן?

### ענטפער:

**מענטשן** האבן עפעס בעסער ווי הערנער. מענטשן האבן א פרייע בחירה און שכל.

דער אמת איז אז גרויסע נעגל און הערנער וואלטן געווען שעדליך פאר מענטשן. עס איז גענוג אז זיי האבן פינגער-נעגל צו גראדזשען, און א פויסט... אבער זיי זענען כאטש באגרעניצט אין די שאדן וואס זיי קענען אפטון. אויב מענטשן וואלטן ווען געהאט הערנער, וואלטן יעדן טאג מענער און ווייבער געשלעפט געווארן צום טשאפעל... די ערגסטע וואס קען יעצט פאסירן איז אביסל קלעפ. אויב א מענטש וויל באמת חרוב מאכן קען ער באשאפן וואפנס וואס קען אנמאכן גאר אסאך שאדן, במילא דארפן מענטשן גארנישט מער.

וועגן דעם האבן מענטשן אויך נישט באקומען די אינסטינקטן צו בויען א נעסט. דא איז א קליינטשיג פייגעלע וואס שטייט אויפ'ן סיידוואלק און הייבט אויף שטיקלעך שטרוי און קליינע שטיקלעך פאפיר, זי פליעט אהין און צוריק פונעם בוים, און שטעלט צוזאם א נעסט!

יעדער פויגל ווערט געבוירן מיט די וויסנשאפט וויאזוי צו מאכן א נעסט. יעדע שפין ווייסט וויאזוי צו מאכן א שפין-געוועב, וואס איז אגב, א וואונדערליכע קונץ פון אינדזשענירונג. וויאזוי ווייסן בינען וויאזוי צו מאכן א בינען-שטאק? און ביבערס קענען מאכן א דאמבעב? א מענטש ווייסט גארנישט אן לערנען.

מענטשן דארפן דאך זיין די בעסטע, די קלוגסטע, איז פארוואס האט ער נישט די אלע אינסטינקטן אין אים? ער וואלט געדארפט וויסן אליינס וויאזוי צו בויען א הויז און מאכן א פייער; א קינד ווייסט נישט נאטירליך וויאזוי אנצוצינדן א פייער. מען דארף אים אלעס אויסלערנען פון פריש.

דער ענטפער איז אז דער באשעפער האט געוואלט אז דער מענטש זאל זיין אן **ערפינדער**. מענטשן זאלן האבן א **בחירה** צו ערפינדן, ער זאל נוצן זיין אייגענעם קאפ, און דערפאר דארף ער מער גארנישט. ער האט טאקע געוויסע אינסטינקטן, געוויסע געבוירענע דראנגען; די דראנג צו עסן, צו געבוירן קינדער, א דראנג צו שלאפן און צו טרונקען.

אבער אויסערדעם, איז אלעס איבערגעלאזט געווארן צו זיין אייגענע אויסוואל און שכל, ווייל דאס איז די גרעסטע מתנה פון אלעם.

## פראגע

## ווען זאל א בחור קלערן פון פארן צו א ווייטע ישיבה לערנען?

### ענטפער:

**"דביש** ליה בהאי מתא ליזיל למתא אחרינא" (ע"פ בבא מציעא עה:) – אויב איז נישט גוט אין דעם פלאץ, זאל ער גיין ערגעץ אנדערש.

אבער לאמיר זאגן ער האט יא הצלחה אין די ישיבה גלייך נעבן זיין הויז; אויב ער לערנט גוט, פארוואס זאל ער קוקן פאר א צווייטע פלאץ?

עס איז נאר אויב ער האט א סיבה צו זוכן אן אנדערן רבי. צומאל איז דא זייער א גוטע רבי אין א געוויסע ישיבה וואס קען אים העלפן מצליח זיין.

איך וויל אייך זאגן דאס – זייער גוטע רביים זענען א זעלטענהייט. אויב מען קען טרעפן א גאר גוטן בעל מסביר; איז ער א דיאמאנט! און עס לוינט זיך צו גיין אפילו צו אן אנדערע לאנד צו לערנען אין זיין ישיבה.

אבער די שאלה איז, איז עס טאקע אזוי? מען דארף וויסן צי עס איז טאקע אמת. א גוטער רבי איז א דיאמאנט. עס איז זייער שווער צו טרעפן אויסגעצייכנטע רביים פונעם העכסטן קאליבאר. (E-1 #)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- הומשים
- זמירות
- גליונות

## קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב